No. 3

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י ו   א ר ד ע ר</u>

**פארצווזעצן די דעקלעראציעס פון דיזעסטער עמערדזשענסיס**

**אזוי ווי,** לויט דעם עקזעקיוטיוו ארדער 198, ארויסגעגעבן נאוועמבער 20, 2019, איז א דיזעסטער דערקלערט געווארן אינדערינען פון די קאונטיס קאיוגע, דזשעפערסאן, מאנראו, ניאגארא, ארליענס, אסוועגא, סט. לאורענס, און וועין צוליב שווערע פארפלייצונגען, פארשפרייטע ערד-אפשווענקונג, און וואסער שאדן וועלכע האט געברענגט באדייטנדע שאדן צו היימען און אנדערע וואוינונגס סטרוקטורן, ביזנעסער, און פובליק אינפראסטרוקטור;

**אזוי ווי,** לויט עקזעקיוטיוו אָרדער 211, ארויסגעגעבן יולי 6, 2021, איז א דיזעסטער דערקלערט געווארן לענגאויס דעם סטעיט צוליב גאן געוואלדטאטן;

**אזוי ווי,** לויט עקזעקיוטיוו אָרדער 212, ארויסגעגעבן אוגוסט 19, 2021, איז א דיזעסטער דערקלערט געווארן אין סטובען קאונטי צוליב א פאסט-טראפישע ציקלאן וועלכס האט געברענגט באדייטנדע רעגן און אנגעברענגט ענערגיע אויסלעש, אראפגעפאלענעביימער, לאקאליזירטע פלעש-פלאד אינצידענטן, ראוד פארשליסונגען, רייזע צושטערונגען, און שאדן צו פובליק און פריוואטע פראפערטי;

**אזוי ווי,** לויט עקזעקיוטיוו אָרדער 213, ארויסגעגעבן אוגוסט 21, 2021, איז א דיזעסטער דערקלערט געווארן אין די קאונטיס פון בראנקס, קינגס, נאסאוי, ניו יארק, קווינס, ריטשמאנד, סופאלק, וועסטשעסטער, פוטנעם, ראקלענד, אראנדזש, דוטשעס, סוליוואן, קאלומביע, דעלעווער, גרין, ברום, טשענאנגא, אטסעגא, רענסעלער, שאוהארי, אלבאני, מאנטגאמערי, סקענעקטעדי, סאראטאגע, און באהאפטענע קאונטיס צוליב ענערגיע אויסלעש, אראפגעפאלענע ביימער, לאקאליזירטע פלעש-פלאד אינצידענטן, ראוד פארשליסונגען, רייזע צושטערונגען, און שאדן צו פובליק און פריוואטע פראפערטי לענגאויס די אפעקטירטע ערטער;

**איצט, דעריבער, טוה איך, קעטי האקול,** גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער קאנסטיטוציע און די געזעצן פון דער סטעיט ניו יארק, אצינד פארלענגער דער סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין עקזעקיוטיוו ארדערס 198, 211, 212, און 213 און זעץ פאר ווייטער די טערמינען, באדינגונגען, און אפשטעלונגען וועלכע ווערן אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו ארדערס נומער 198 ביז 198.19, 211, 211.1, 212, און 213, ביז אקטאבער 23, 2021.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און דער פארהאלטענער זיגל פון דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם דריי און צוואנציגסטן טאג אין סעפטעמבער אין דעם יאר צוויי טויזנט איין און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער